# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:06
מוצאי שבת חול המועד....8:40

**שיעורים כסדרן (א' דפסח)**
נ"ך..............קהלת י"א-י"ב
בבלי..........................סוטה ח'
ירושלמי....................כלאים ה'
תוספתא...................עדיות ב'
רמב"ם......................אבל י'

יום טוב פסח, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 28 (598)


# אַ וָוארְט אוֹיף יוֹם טוֹב

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי סֵדֶר פוּן דִי קְעָרָה אַז מֶען לֵייגְט דִי "זְרוֹעַ" אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט אַנְטְקֶעגְן "חֶסֶד", דִי "בֵּיצָה" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט אַנְטְקֶעגְן "גְבוּרָה" אוּן דִי "מָרוֹר" לִיגְט אִינְמִיטְן אַנְטְקֶעגְן "תִּפְאֶרֶת"; וָואס עֶפֶּעס אִיז מָרוֹר אִינְדֶערְמִיט בַּיי תִּפְאֶרֶת? וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְש שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר בְּלַייבְּט אִינְדֶערְמִיט, עֶר בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק – דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת – זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אִין דֶעם מֶעסְט זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, וֶוען מֶען בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, אֲפִילוּ מֶען לַיידְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים.

אִיךְ וֵוייס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דוּ זֶעסְט נִישְׁט פוּן וואו דַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף נִישְׁט פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט אָרֶעמֶעלַייט, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי אִידְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אַז נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח; הָאט עֶר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס אִיז דָאס פֶּסַח, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט וִוי שֵׁיין דֶער יוֹם טוֹב אִיז. מֶען פְרַאוֶועט אַ סֵדֶר אוּן אַלֶע אִידְן – אֲפִילוּ אָרֶעמֶעלַייט – עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע רַייכֶע סְעוּדָה; מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ וִוי קֶענִיגְן, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דִי אָרֶעמֶעלַייט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן אַפָּאר טֶעג פַאר יוֹם טוֹב כְּדֵי מֶען זָאל זַיין גוּט הוּנְגֶערִיג צוּם סֵדֶר. דֶער גוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ מוּז דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן; אִיךְ וֶועל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ אִיד אַז אִיךְ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְעוּדָה'.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער גוֹי אַיינְגֶעלַאדְנְט בַּיי אַ אִיד צוּ זַיין בַּיי אִים בַּיים סֵדֶר, עֶנְדְלִיךְ הוֹיבְּט מֶען שׁוֹין דִי סֵדֶר, עֶר זִיצְט בַּיים סֵדֶר אוּן עֶר וַוארְט צוּ עֶסְן דִי שֵׁיינֶע סְעוּדָה. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מָרוֹר אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן זַיין הוּנְגֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים דָא זִיכֶער אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, וַוייל עֶר וַוארְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי סְעוּדָה אוּן מֶען דְרֵייט אַרוּם מִיט אִים; הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אַנְטְלָאפְן. שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיינֶע חֲבֵרִים הָאט עֶר זַיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אוֹיסְהוּנְגֶערְן בִּיז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שַׁארְפֶע עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "**אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט אַנְטְלָאפְן פַאר שׁוּלְחָן עוֹרֵךְ, וֶוען דוּ וַוארְטְסְט וֶוען אוֹיס נָאךְ אַבִּיסְל וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע סְעוּדָה**".

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם רֶבִּי נָתָן: "**וֶוען מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת – אִיז דָאס אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת – אִיז דָאס פְּגַם הַבְּרִית"; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין נַאר שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.**

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי סֵדֶר פוּן דִי קְעָרָה אַז מֶען לֵייגְט דִי "חֲסָה" אַנְטְקֶעגְן דִי מִידָּה פוּן "יְסוֹד", וָואס קוּמְט דָאס אוּנְז וַוייזְן? אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אָפְּצוּהִיטְן מִדַּת הַ'יְסוֹד' – אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'חַס' אוֹיף אִים, מֶען הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז (שַׁבָּת נג:): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִּדֶּמֶת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פְרוֹי, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זִי אִיז גֶעלֶעמְט בִּיז זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט, "כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר בְּאִשְׁתּוֹ", עֶס מוּז זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר גַאנְץ לֶעבְּן; עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען אוּן וִויסְן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַ גֶעלֶעמְטֶע? אוּן נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ? נָאר קֶען זַיין, פְּשַׁט אִיז, אַז זִי הָאט יָא גֶעהַאט הֶענְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע הֶענְט, אִירֶע הֶענְט הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט רוּקְן, נָאר זִי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאלֶעבָּאסְטֶע, זִי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, אוּן אִיר מַאן הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע מַעֲלוֹת. דִי גְמָרָא רִימְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ וַוייבּ; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסְקֵייט, דָאס אַז אַ צָנוּעַ, אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דִי חֶסְרוֹנוֹת, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע גֶעלֶעמְטֶע וַוייבּ. (עֵצָתוֹ אֱמוּנָה צַו, כִּי תִשָּׂא, וַיִּקְרָא תשפ"ג)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## לָאמִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט"ז:) אַז יֶעדֶער אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד שְׁפִּירְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם?

וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶער וָואס עֶס מֵיינְט מִצְרַיִם, דַאן אִיז דֶער תֵּירוּץ זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ. וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אִיז זֵייעֶר מוֹיל גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דֶעם שְׁלֶעכְטְן פַּרְעֹה, וָואס אִיז דִי אוֹתִיוֹת "פֶּה רַע" – אַ שְׁלֶעכְטֶע מוֹיל. זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט

<<<<<<

# א גוט ווארט

בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ וִויל דִיךְ דִינֶען, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער שְׂפַת אֱמֶת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "בַּיים זָאגְן הַלֵּל, בַּיי דִי פָּסוּק 'אָנָּא ה'' קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֶלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן". וֶוען דֶער אִיד הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְדֶערֶע, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי הַלֵּל, בַּיי דִי פָּסוּק "אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא". הָאט דֶער שְׂפַת אֱמֶת גֶעזָאגְט, נִישְׁט דֶעם פָּסוּק הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דֶעם פָּסוּק "אָנָּא ה' כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ", וֶוען אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דַיין קְנֶעכְט, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס פַאר דִיר, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ וִויל דִיךְ דִינֶען", דֶעמָאלְט קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

בְּרוּדֶער, בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, בְּרֶסְלֶב אִיז אִין הַארְץ, אִין מֹחַ, זֶע צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ וואוֹינֶען אִין בְּרֶסְלֶב, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרַיי: "אָנָּא ה' כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ!"

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ג)

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זָאגְן דִי הַגָּדָה מִיט שִׂמְחָה; אֲפִילוּ דוּ פְּרַאוֶועסְט נִישְׁט אַלֵיינְס דֶעם סֵדֶר, דוּ בִּיסְט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער בַּיי דַיין וַוייבְ'ס עֶלְטֶערְן אוּן זַאכְן בַּאדֶערְן דִיר וְכוּ', גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַן עַצְבוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר זַיי פְרֵייליךְ, וַוייל אוֹיבּ מֶען זָאגְט דִי הַגָּדָה בְּשִׂמְחָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אִין עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי עֶס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (שָׁם): "כָּל בַּר נָשׁ דְּאִשְׁתָּעֵי בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, וּבְהַהוּא סִפּוּר חַדֵּי בְּחֶדְוָה, זַמִּין אִיהוּ לְמֶחדֵי בִּשְׁכִינְתָּא לְעָלְמָא דְּאָתֵי", וֶוער עֶס זָאגְט דִי הַגָּדָה, וֶוער עֶס פַארְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם אוּן בְּשַׁעַת עֶר פַארְצֵיילְט דִי הַגָּדָה פְרֵיידְט עֶר זִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ מִיט צוּ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט "דְּהוּא חֶדוּ מִכֹּלָּא", וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְרֵייד וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַלֶעס גֶעטוּן צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, אוּן דָא בַּאקוּמֶען מִיר פוּן אִים אַזַא שֵׁיינֶע בְּרָכָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן זֶען צוּ זַיין פְרֵייליךְ בְּשַׁעַת מִיר זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע הַגָּדָה.

## תָּם מָה הוּא אוֹמֵר

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר, אוּן וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר, אָבֶּער תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? עֶר וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן, וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל, וַוייל אוֹיף רוּסִישׁ זָאגְט מֶען 'דָארְט' תָּם; וֵויינְט עֶר "תָּם - מָה הוּא אוֹמֵר?" וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן אוֹיף מִיר. דֶער הַאלְט אַז אִיךְ בִּין שְׁטָאטְ'ס מְשׁוּגָענֶער, דֶער הַאלְט אִיךְ בִּין וֶועלְטְ'ס מְשׁוּגָענֶער, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאג מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ.

## מוֹצִיא מַצָּה

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (זוֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז): "עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה", וָואס אִיז גָלוּת? אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְן אִים, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מַסֶּכֶת פְּסָחִים; מוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תעז, סָעִיף קָטָן א): "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט דִי מַצּוֹת, זֵיי פְלֶעגְן קוּשְׁן דִי מַצּוֹת מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה"; ווָאוִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹות.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) רוּפְט אוֹיךְ אָן דִי מַצָּה: "מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; אַז מַצָּה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז עֶס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס וֶוען מֶען עֶסְט מַצָּה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז לֹא עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן בַּיי אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אִים: "אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר נָאר אֵיין רְפוּאָה, דָאס וֶועט דִיר גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, אָבֶּער דִי מֶעדֶעצִין קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט", וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ זִיכֶער

המשך אויף עמוד ד >>>>>

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וָואס אִיז דִי אוֹתִיוֹת "פֶּה סָח" - דִי מוֹיל הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ב') "וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת" זֵייעֶר מוֹיל אִיז אַרוֹיס אוֹיף דֶער פְרֵיי, זֵייעֶר מוֹיל אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר בַּיי יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריְקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת וֶוען עֶר אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער זַיינֶע בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען; בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען טְרֶעפְט אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אַז עֶר הָאט אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין גָלוּת, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דֶער וֶועג אִיז אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע צָרוֹת, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים שִׁיקְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, עֶר טְרֶעפְט אַ צַדִּיק וָואס עֶפְנְט אִים דָאס מוֹיל אוּן מַאכְט אִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזַא מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַז עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר דִי הַגָּדָה דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מ:) "פִּקּוּדָא בָּתַר דָּא", זָאגְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר אַז עֶס לִיגְט אַ פְּלִיכְט אוֹיפְ'ן יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁטֶענְדִיג דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, דַארְף עֶר דָאס זִיכֶער דֶערְצֵיילְן אוּן מְפַרְסֵם זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסֶער נֵס אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט אִים גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אִים גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ וֶועג אַז אוֹיךְ עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג; אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער נֵס. וַוייל דָאס וֶועט אִים שׁוֹין אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס וֶועלְן אִים נָאר אוּנְטֶערְקוּמֶען אִין לוֹיף פוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. סַיי וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶועט נָאר זַיין, וֶועט עֶר וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס, עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט עֶר אַלֶעמָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן יֶעדֶע צָרָה.

אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט וִוי דֶער גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז עֶר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַ מֶענְטְשׁ קְלֶערְט אַז נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט קֶען עֶר נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי רֶעדְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אוֹיב עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, נָאר דֶעמָאלְט הֵייסְט עֶס אֱמֶת'דִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט יֶעדְן אִיד. נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי גְרוֹיס אָדֶער קְלֵיין מֶען אִיז, אַלְץ שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרֵייט אוֹיסְצוּהֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יֶעדְן אִיד'ס מוֹיל. דֶער אִיד דַארְף פָּשׁוּט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע מַאמֶע לָשׁוֹן, דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ נָאנְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד. דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז עֶס זָאל בִּכְלַל קוּמֶען דִי צָרָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דֶערְפַאר וַוייל עֶר וִויל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף, עֶר וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז נָאר אוֹיב עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּן קֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר טִיף אוּן בְּעִיּוּן, נָאר דֶעמָאלְט אִיז עֶס חָשׁוּב, נָאר דַאן אִיז עֶס עֶפֶּעס וֶוערְד; אוֹיב אָבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי טִיף, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, דַאן אִיז דִי תּוֹרָה נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים, עֶר קֶען נִישְׁט אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה. אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן, חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ עֶפְנְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, אוּן דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִפּוּק אִין לֶעבְּן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַייט, קַיין כֹּחַ אוּן מֹחַ, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין; זָאל עֶר אוֹיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה. עֶר זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז צוּם סוֹף וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי יְצִיאַת מִצְרַיִם פוּן דֶעמָאלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אוּנְז הַיינְט אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער מִצְרַיִם. אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶפְנְט דֶעם מוֹיל פוּן דִי אִידְן אוּן זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז דָאס אוֹיס.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מֶעג אִיךְ לֵיינֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע בּוּךְ פַאר מַיין דֵייעֶט?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אִיבֶּערְוָואג אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, אִיז בִּין מַמָּשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֶסְן, וֶוען אִיךְ זֶע עֶסְן וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ פַארְגְלִיוֶוערְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶערְן אוּן זֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן אִיךְ עֶס אִיבֶּער דִי מָאס.

אִיךְ הָאב זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעוִוויסֶע פְּרָאגְרַאם וָואס הֶעלְפְּט מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַ גֶעוִוויסֶע שִׁיטָה. אִיךְ דַארְף אָבֶּער לֵיינֶען אַ דִיקֶער גוֹי'אִישֶׁער בּוּךְ פוּן דִי פְּרָאגְרַאם, כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן. מֶעג אִיךְ דָאס לֵיינֶען?

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מַיין גֶעזוּנְט, פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן אוֹיךְ פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, מַיין מַאן הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מֶער רוּאִיג זַייט אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אוֹיף דֶעם פְּרָאגְרַאם.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֵיין אוֹיף אַ גוּטֶע דֵייעֶט, עֶס אִיז אַ מִצְוָה אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט. דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז (דְבָרִים ד, טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם", מֶען דַארְף הִיטְן אוֹיפְ'ן גֶעזוּנְט; אַז מֶען אִיז אִיבֶּערְוָואגִיג קֶען דָאס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי דֵייעֶט וְכוּ'; גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן גוֹי'שֶׁע פַאנְטַאזִיעֶס, דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאגְרַאם אִיז אַז מֶען עֶסְט גֶעזוּנְט, מֶען עֶסְט מִיט אַ סֵדֶר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, נָאכְמִיטָאג אוּן בַּיינַאכְט. נֶעמְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר פְּרָאגְרַאם, מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט פַאר אַ פְרוֹי וָואס וֵויינְט אַז זִי הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ עֶסְן אוּן וִויפִיל זִי מַאכְט אָפּ צוּ גֵיין אוֹיף אַ דֵייעֶט - פַאלְט זִי אַלְץ דוּרְךְ, אוּן אִיר מַאן טְשֶׁעפֶּעט אִיר אַז זִי אִיז גְרָאב.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, ב'תשע"ב): "בְּוַדַּאי אַתְּ צְרִיכָה לָדַעַת שֶׁרִבּוּי אֲכִילָה וְכוּ' בָּא מִיֵּאוּשׁ, וּכְשֶׁמִּתְיָאֲשִׁים מֵהַחַיִּים וְחוֹשְׁבִים שֶׁאֵין לִי כְּבַר שׁוּם תִּקְוָה, זֶה מַה שֶּׁמַּכְנִיס בָּאָדָם תַּאֲוָה לֶאֱכוֹל וְלֶאֱכֹל וְלֶאֱכֹל וּלְהַשְׁמִין וְכוּ' וְכוּ'", וִויסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן, מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט, מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג - דָאס מַאכְט מֶען זָאל עֶסְן אוּן עֶסְן, עֶס שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין אַ תַּאֲוָה, מֶען עֶסְט אוּן מֶען עֶסְט, מֶען וֶוערְט גְרֶעבֶּער אוּן גְרֶעבֶּער, "אֲבָל כְּשֶׁאָדָם תָּמִיד שָׂשׂ וְשָׂמֵחַ וְשׁוֹלֵט עַל עַצְמוֹ, עַל יְדֵי זֶה הוּא נִפְטָר מִכָּל הַבְּעָיוֹת", אָבֶּער אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נֶעמְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר פְּרָאגְרַאם, דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר דֵייעֶט; הוֹיבְּט אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זוּכְט אוֹיף נָאךְ אוּן נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן, אִיר וֶועט וֶוערְן שְׁטַארְק, אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן. דִי גוֹי'שֶׁע פְּרָאגְרַאם קֶען טַאקֶע הֶעלְפְן פַאר דִי זַאךְ, אָבֶּער עֶס קֶען אַמָאל אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אִין אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיךְ דֶעפְּרֶעסְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, עֶסְן מִיט אַ סֵדֶר. אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ וִויל אוֹיסְזֶען גוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אִיבֶּערְוָואגִיג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ הָאסְט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועזְן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן עַצְבוּת, פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן יֶעצְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס אוּן דוּ בִּיסְט אַלֶעס, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, הֶעלְף מִיר מַיין אֱמוּנָה זָאל זַיין שְׁטַארְק".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶעס אויף דֶער וֶועלְט אַבִּי עֶר זָאל לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (אִיּוֹב ב, ד): "כֵּן דֶּרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן"; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוֹיפְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וָואס דָאס הֵיילְט אוּנְז אוֹיס בְּרוּחְנִיּוּת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען זִיכֶער קוֹיפְן מַצָּה בְּיַד רְחָבָה אוּן נִישְׁט קַארְגְן וְכוּ'.

## מָרוֹר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן ל"ה) אַז דִי כְּזַיִת מָרוֹר אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר פַּרְנָסָה, מוֹהֲרַ"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, עֶר וֶוערְט אִין כַּעַס, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין פַּרְנָסָה.

מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דִי כְּזַיִת בִּיטֶערֶע מָרוֹר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַ בִּיטֶערְנִישׁ גֶעדֶענְקְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

## הַלֵּל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל אוֹיפְן קוֹל אִיז מֶען זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זָאגְט דִי פְּסוּקִים פוּן הַלֵּל וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קיח, ו): "ה' לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, "דָּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל, וַה' עֲזָרָנִי", מֶענְטְשְׁן ווִילְן מִיר אַוֶועק שְׁטוּפְּן, זֵיי זָאגְן אַז פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט מִיר.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן הַלֵּל אָבֶּער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, נֶעם דוּ אַלֵיינְס דֶעם סִידוּר אוּן זָאג הַלֵּל מִיט אַ נִיגוּן; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין לֶעבְּן, אוּן לָאז שׁוֹין אָפּ אַלֶע טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם; גְלֵייבּ מִיר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן יֶעדֶער מֵיינְט אַז זַיין לֶעבְּן טוֹיג נִישְׁט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוער וֵוייסְט נָאךְ אַזוֹי גוּט וָואס עֶס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר וֵוייסְט דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן". מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהֲרַ"ש דֶעם פָּסוּק (תְּהִלּוֹת נָתָן, קַאפִּיטְל קלו): "הוֹדוּ לַה'" דַאנְקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי טוֹב", לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין גוּטְס, "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", - וֶועט עֶר מַאכְן נָאךְ גוּטְס אוֹיף אֵייבִּיג.

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרְבֶּעט בֶּעסֶער פוּן אַלֶע וִויטָאמִינֶען אוּן פוּן אַלֶע סְגוּלוֹת; דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען.

(לִיקוּטֵי עֵצָתוֹ אֱמוּנָה)

# קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ טָאר נִישְׁט זַיין

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶסְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁוֶוערֶע קַשְׁיָא, מִיר זֶעעֶן דָאךְ וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין שְׁטוּבּ; מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, מֶען רֵיינִיגְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט, אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אַז עֶס זָאל נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיי אַ אִיד אַ שְׁטִיקְל חָמֵץ אוֹם פֶּסַח; אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, לֵיידֶער פַאלְט מֶען יָא דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת אִינְמִיטְן דִי יָאר.

דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין חָמֵץ אוֹם פֶּסַח, עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן מַצָּה אוֹם פֶּסַח, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים נָאר דֶערְמַאנֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן. אַנְשְׁטָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פִילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד', ז') "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן" - אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגְגֵייעֶר צְוִוישְׁן דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת וִוי אַ מִילְגְרוֹים, אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, עֶר ווִיל נָאר אַז אַ אִיד זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, ווַייל עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין זַאק אַרַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זַיין חֵשֶׁק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר טָארְן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אוּן מִיט דֶעם זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א רמ"ב).

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם לִימּוּד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְרַבִּי כַּהֲנָא), מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזַא בֶּגֶד וָואס וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח)


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל ראזענבערג** הי"ו
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
עב"ג בשעה טובה ומצלחת
***
מו"ה **אברהם צוויבל** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## א כשר'ן פסח

שיעורים, דרשות, נוסח, שיר השירים,
סיפורי צדיקים, מסכת פסחים, און נאך,
לכבוד דעם פרייליכן יום טוב פסח
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו, לע"נ אביו ר' צבי דוב ב"ר אברהם משה הלוי ע"ה ת.נ.צ.ב.ה.

< BreslevCenter.com >